**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטרייכט אונטער דאס ארבעט פון די נייע פארמאליזירטע קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי לענגאויס פעלד-צו-שולע מאנאט**

***נייע אויטאריזירטע גרופע האלט פאר צווייטע זיצונג נאכפאלגנדיג ערפאלגזאמע צוזאמנעמונג, צוענדיגנדיג רעקאמענדאציעס פאר באריכט פאר'ן גאווערנער***

***נאך סטעיט פראגראמען שטיצן קאונסיל'ס ארבעט צו ברענגען מער לאקאלע עסנווארג צו ניו יארק שולעס און באקעמפן עסנווארג אומזיכערהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט, אין די פעלד-צו-שולע מאנאט, אונטערגעשטרייכט די ארבעט פון די סטעיט אויפלעבונג קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי, וואס איז לעצטנס פארמאליזירט געווארן אלץ געזעץ און אפיציעל באפוילן געווארן דורך די גאווערנער צו פארשלאגן רעקאמענדאציעס פאר'ן סטעיט אויף וועגן צו פארמערן דאס באנוץ פון געזונטע און לאקאלע-געוואקסענע עסנווארג אין שולע מאלצייטן, פארשפרייטן צוטריט צו עסנווארג אין ארימערע קאמיוניטיס, און שטארקן אגריקולטוראלע פראדוצירונג און פראצעסירונג. די קאונסיל'ס ארבעט שטיצט אויך די גאווערנער'ס פריאריטעטן און ברענגט ווייטער פארשריט פאר אסאך סטעיט איניציאטיוון וועלכע שטיצן די שטארקקייט פון ניו יארק'ס עסנווארג סופליי טשעין און ברענגען מער ניו יארק עסנווארג צו ניו יארקער פאמיליעס וועלכע דארפן עס.

"כאטש מיר זענען ארויסגעקומען פון די באלדיגע קריזיס פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, דויערן אירע נאכווייען א לענגערע צייט, ארייננרעכנענדיג די נויטיגקייט פאר אונזערע פאמיליעס, שולעס, און קאמיוניטיס צו האבן צוטריט צו גענוג פרישע, לאקאלע עסנווארגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די ניו יארק'ס קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי און אנדערע פארגעשריטענע פראגראמען געצילט צו פארגרינגערן עסנווארג אומזיכערהייט זארג און פארשטערקערן אונזער עסנווארג סופליי טשעין, קענען מיר אסאך אויפטון צו באקעמפן הונגער און פארבעסערן נערונג אין די גאנצע סטעיט, און אינעם זעלבן צייט שטיצן אונזער אגריקולטוראלע קאמיוניטי."

ניו יארק'ס [קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי](#) באשטייט פון 25 סטעיק-האלטער און עטליכע ארגאניזאציעס ארייננרעכנענדיג פארשטייער פון רעגירונג איינהייטן, פעלד-ארבעטער, נישט-פאר-פראפיט ארגאניזאציעס, אגריקולטוראלע אפעראציעס, אוניווערסיטעטן, און עסנווארג ביזנעסער. דער קאונסיל איז פאראנטווארטליך צו געבן פאר סטעיט געזעצגעבער די וויסנשאפט איבער וויאזוי צו אדרעסירן הונגער און פארמערן צוטריט צו געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער און שולע קינדער. די קאונסיל איז פריער אנגעגאנגען אונטער עקזעקיוטיוו באפעל זייט איר גרינדונג אין 2007. אין נאוועמבער 2022, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א ביל צו מאכן די קאונסיל א טייל פון געזעץ.

אנגעפירט דורך די אגריקולטוראלע און מארקעטס דעפארטמענט קאמישאנער ריטשערד א. באל, האט די קאונסיל זיך נעכטן צאמגענומען פאר זייער צווייטע זיצונג. די קאונסיל'ס פארמאליזירונג האט געמוטיגט נייע שוואונג פאר די גרופע, אריינרעכענענדיג איר פינף ארבעט גרופעס, וועלכע זענען פאר צו ברענגען סטעיק-האלטער פון אינדרויסן אריין צו די געשפרעך און ארבעט צו געבן קרעאנטע געלעגנהייטן און רעקאמענדאציעס פאר ניו יארק סטעיט. די ארבעט גרופעס האבן געהעכערט זייער פארפליכטונג צו די קאונסיל'ס אלגעמיינע מיסיע, און טרעפן זיך יעצט איין מאל א מאנאט, מיט די גאנצע קאונסיל זיך טרעפנדיג צוויי ביז פיר מאל א יאר. די אויפגעלעבטע קאונסיל צוזאמשטעל עפנט א בעסערע מיטל צו פארשלאגן רעקאמענדאציעס דירעקט צום גאווערנער און האט געמוטיגט העכערע מעמבערשיפ און אנטיילנעמונג פון סטעיק-האלטער.

די קאונסיל איז אנטשלאסן צו העכערן דאס באנוץ פון געזונטע און לאקאל-געוואקסענע עסנווארג אין שולע מאלצייטן. מיט די פריאריטעטן, איז די קאונסיל געווען זייער וויכטיג דורכאויס דאס אוועקשטעלונג פון די סטעיט'ס [30 פראצענט ניו יארק סטעיט איניציאטיוו](), וועלכע איז געמאכט געווארן צו צושטעלן געזונטע ניו יארק-געוואקסענע עסנווארג פראדוקטן פאר קינדער אלץ טייל פון זייער מיטאג מאלצייט אין שולע. די איניציאטיוו העכערט די צוריקבאצאלט וואס שולעס באקומען פאר מיטאג פון 5.9 צענט פער מאלצייט צו 25 צענט פער מאלצייט פאר סיי וועלכע דיסטריקט וואס קויפט כאטש 30 פראצענט פון די באשטאנדטיילן פאר זייער שולע מיטאג פראגראם פון ניו יארקער פעלדער. זייט די אגריקולטוראלע און מארקעטס דעפארטמענט האט איבערגענומען די אדמיניסטראציע פון די פראגראם אלץ טייל פון גאווערנער האקול'ס 2022 'סטעיט און די סטעיט' פארפליכטונג צו בעסער פארבינדן פעלדער מיט שולעס איבער ניו יארק, האט די פראגראם געזען גרעסערע אנטיילנעמונג פון שולע עסנווארג אויטאריטעטן, מיט א סך הכל פון 59 שולע עסנווארג אויטאריטעטן באשטעטיגט פאר צוריקבאצאלט דורכאויס די שולע יאר, ארויף פון 51 וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן פאר צוריקבאצאלט פאריגע יאר.

די 30 פראצענט ניו יארק סטעיט איניציאטיוו בויעט אויף ניו יארק'ס ערפאלגזאמע [פעלד-צו-שולע פראגראם](), וועלכע באהעפט שולעס מיט לאקאלע פעלדער און עסנווארג פראדוצירער צו שטארקן לאקאלע פעלדער, פארבעסערן געזונטהייט פון סטודענטן, און שטארקן ראיאנישע עסנווארג סיסטעמען באקענשאפט. דורך די פראגראם, שטעלט די דעפארטמענט צו פינאנציעלע, טעכנישע, און פראמאושאנעל הילף צו שולעס, פעלדער, אויסטיילער, און אנדערע שטיצנדע ארגאניזאציעס צו ברענגען מער לאקאלע, געזונטע, סעזאניש-פארשידענע מאלצייטן פאר ניו יארקער סטודענטן. די פעלד-צו-שולע פראגראם שטיצט די קאונסיל'ס פריאריטעטן צו אנהויבן און אנפירן פובליק באקענשאפט קאמפיינען איבער די עקאנאמישע בענעפיטן פון א לאקאלע פעלד און עסנווארג עקאנאמיע; פארלייכטערן געאגראפישע און עקאנאמישע שטרויכלונגען צו פארבעסערן צוטריט צו געזונטע, פרישע עסנווארג; און שטארקן גוט-באלאנסירטע ערנערונג פאר קינדער.

א דאנק דעם וואס עס קאנצענטרירט זיך אויף צו שטארקן באציאונגען און מיטארבעט צווישן פראגראמען וועלכע אדרעסירן הונגער און די וועלכע פראדוצירן און טיילן אויס עסנווארג, איז די ארבעט פון די קאונסיל ווייטער אין גאנג און שטיצט נאך אסאך סטעיט פראגראמען וועלכע ארבעטן אויף צו פארלייכטערן עסנווארג אומזיכערהייט. דאס נעמט אריין די [Nourish New York (ערנערט ניו יארק)]() פראגראם, וועלכע האט שוין ביז היינט געהאלפן עסנווארג קאמערן און עמערדזשענסי עסנווארג פראוויידערס צו איינקויפן איבער 90 מיליאן פונט פון ניו יארקער עסנווארג, אזוויי מילך, יאגורט, קעז, גרינצייג, פרוכט, און נאך פון לאקאלע פעלד-ארבעטער און אפגעשיקט איבער 75 מיליאן מאלצייטן צו קאמיוניטיס איבער די גאנצע סטעיט. עס נעמט אויך אריין [די פעלד-ארבעטערס' מארקעט נערונג פראגראם](), און די נייע פארבעסערטע FreshConnect Fresh2You איניציאטיוו, וועלכע איז [אנאנסירט געווארן דורך די גאווערנער אין פרילינג פון 2023](). די פראגראם ארבעט צוזאמען מיט די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA) און די

וועטעראנען סערוויסעס דעפארטמענט צו דאפלען די איינקויף מעגליכקייט פאר צוגעקומענע נערונג הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) דערהאלטער און וועטעראנען און זייערע פאמיליעס ביי אנטיילנעמענדע פעלד-ארבעטערס' מארקעטס.

וואס העלפט אויך ארויס די ארבעט פון די קאונסיל, איז אינוועסטירונגען אין די 2023-2024 אוועקגעשטעלטע סטעיט בודזשעט געצילט צו שטארקן די פארלאנג פאר ניו יארקער אגריקולטורישע פראדוקטן, פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס עסנווארג סופליי טשעין, און פארזיכערנדיג אז אלע ניו יארקער קענען פראדוצירן און באקומען פרישע, לאקאלע עסנווארג. דאס נעמט אריין $2 מיליאן אין פינאנצירונג פאר קאמיוניטי גארטן פראגראמען צו פארבעסערן צוטריט צו פרישע פרוכט און גרינצייג אין ארימערע געגנטער פון די סטעיט, ווי אויך א $10 מיליאן עסנווארג צוטריט פארברייטערונג גרענט פראגראם. די אגריקולטוראלע און מארקעטס דעפארטמענט [האט אנאנסירט א פארלאנג פאר אינטערעס פריער אינעם מאנאט](#) צו העלפן פארעמען די פראגראם באזירט אויף וואס די אינדוסטרי דארף.

אויך, ארבעטן אסאך ניו יארק סטעיט אגענטורן מיט די פעדעראלע און לאקאלע רעגירונגען איבער די סטעיט צו אדרעסירן הונגער און עסנווארג אומזיכערהייט. SNAP איז א פעדעראלע-באצאלטע פראגראם אונטער די אויפזיכט פון OTDA און אויסגעפירט דורך לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס. אין לעצטערע יארן, האט ניו יארק פארברייטערט SNAP דורך אראפנעמען איבריגע פאדערונגען און פארגרינגערן די אפליקאציע פראצעדור, אראפנעמנדיג גרויסע שטרויכלונגען צו פארמינערן הונגער אין קינדער און ערוואקסענע, און אינעם זעלבן צייט פארזעצנדיג די ארבעט צו באקומען די מערסטע בענעפיטן פאר אלע ניו יארקער וועלכע זענען בארעכטיגט דערפאר.

די סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) פירט אן נערונג פראגראמען צו דערגרייכן ארימערע באפעלקערונגען וועלכע האבן אפטמאל נישט די גלייכע צוטריט צו א ברייטע אויסוואל פון ביליגע, געזונטע עסנווארג. די ספעציעלע צוגעקומענע נערונג פראגראם פאר פרויען, בעיביס און קינדער (Special Supplemental Nutrition Program for Women, Infants and Children, WIC) שטעלט צו א מאנאטליכע ליסטע פון געזונטע עסנווארג געמאכט צו ערפילן די געזונטע עסנווארג געברויכן פון איבער 425,000 אנטיילנעמער יעדע מאנאט. אנטיילנעמער באקומען ווערדפולע נערונג קאונסעלינג און עדיוקעישאן צו העכערן זייער וויסנשאפט פון געזונטע אויסוואלן און נוצן זייער eWIC קארטל צו איינקויפן געזונטע עסנווארג פראדוקטן ביי WIC-באשטעטיגטע געשעפטן. אין צוגאב, שטיצט די 'קינד און ערוואקסענע קעיר עסנווארג פראגראם' געזונטע מאלצייטן און איבערבייסן אויסגעטיילט צו איבער 300,000 קינדער און ערוואקסענע אין דעי קעיר ערטער יעדן טאג. די פראגראמען זענען זייער וויכטיג צו שטארקן ערנערונג זיכערהייט. [זעט מער אינפארמאציע איבער WIC](#).

די הונגער פארמיידונג און נערונג הילף פראגראם, אינאיינעם מיט די 'ערנערט ניו יארק' איניציאטיוו, שטיצט דאס אויסטיילונג פון איבער 400 מיליאן עמערדזשענסי מאלצייטן וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך א נעטווארק פון אומגעפער 2,700 עמערדזשענסי עסנווארג פארלייכטערונג ארגאניזאציעס. די מאלצייטן רעכענען אריין געזונטע ניו יארק סטעיט-געוואקסענע פרוכט און גרינצייג און מילכיגע פראדוקטן. [לערנט מער איבער די DOH'ס הונגער פארמיידונג און נערונג הילף פראגראם](#).

**ניו יארק סטעיט אגריקולטוראלע און מארקעטס דעפארטמענט קאמישאנער ריטשערד באל האט געזאגט,** "מיר ארבעטן שווער א גאנצע יאר צו פארשפרייטן באקענשאפט איבער עסנווארג אומזיכערהייט און באנייען אונזער פארפליכטונג צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו געזונטע, לאקאלע עסנווארג. די קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי האט געשפילט א גרויסע ראלע אין פארעמען באציאונגען וועלכע זענען געווען די גרונד פון עטליכע ערפאלגזאמע עסנווארג פראגראמען און פעלד-צו-שולע איניציאטיוון, און מיר זענען צופרידן אז די גרופע קומט זיך צוריק צוזאם מיט נייע, שטארקע פריאריטעטן, אונטער די אנווייזונג פון גאווערנער האקול. דורך פארמאליזירן די

קאונסיל'ס ראלע אין די סטעיט'ס ארבעט צו אדרעסירן הונגער און אינעם זעלבן צייט שטיצן אונזערע פעלד-ארבעטער, קענען מיר ווייטער בויען אויף אונזער ארבעט אין די ערטער און ווייטער שטארקן די עסנווארג סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט וועטעראנען סערוויסעס דעפארטמענט קאמישאנערין וויוויען דעקאהען האט געזאגט,** "די קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי איז א קריטישע מיטארבעט פון סטעיק-האלטער ספעציעל געמאכט צו אדרעסירן הונגער און פארשטערקערן צוטריט צו לאקאלע, געזונטע עסנווארג. איר לעצטיגע פארמאליזירונג אלץ געזעץ האט אריינגעברענגט פרישע שוואונג, פירנדיג צו פארמערטע מיטארבעט פון סטעיק-האלטער. די קאונסיל'ס ארבעט מיט 'ערנערט ניו יארק' שפיגלט אפ אונזער פארפליכטונג צו שטיצן לאקאלע פעלדער און פארזיכערן צוטירט צו עסנווארג פאר אלעמען, אריינרעכענענדיג אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף עקטינג קאמישאנערין בארבארא סי. גווין האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט ווי וויכטיג עס איז פאר די געזונטהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער צו האבן צוטריט צו פרישע, ביליגע, לאקאלע-געוואקסענע עסנווארג. אונזער אגענטור איז אנטשלאסן צו העלפן ניו יארקער ערפילן זייערע נויטיגע געברויכן און זיי געבן די כח צו פארבעסערן זייער פינאנציעלע זיכערהייט און הויזגעזונד שטארקקייט - צוויי וויכטיגע טיילן אויף צו בויען שטארקע פאמיליעס און קאמיוניטיס. די מיטארבעט וואס וועט ווייטער ווערן פארשטערקערט דורך די צוריקגעשטעלטע קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי וועט זיכער האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף הויזגעזונדער וועלכע מוטשענען זיך, אונזערע לאקאלע פעלדער, און ארימערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישאנער דר. דזעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "עס איז אזוי וויכטיג פאר מענטשן צו האבן נאכאנאנדע צוטריט צו גוטע, געזונטע, און ביליגע עסנווארג אויסוואלן, וויבאלד ערנערונג איז די גרונד פון גוטע אלגעמיינע געזונטהייט. אלץ א דאקטער פון קינדער, האב איך שוין געזען ערשט-האנטיג וויאזוי עסנווארג און ערנערונג פראגראמען פארבעסערן די לעבן און אלגעמיינע געזונטהייט פון מענטשן וועלכע דארפן עס. איך דאנק די גאווערנער און קאמישאנער באל פאר'ן מיטטיילן די פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין פארברייטערונג פון עסנווארג צוטריט און אדרעסירן הונגער אין ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "טראץ פעדעראלע זיכערהייט נעץ פראגראמען, ספראוון זיך הונדערטער טויזנטער ניו יארקער מיט א הונגער פראבלעם, נישט האבנדיג די געלט פאר גענוג געזונטע עסנווארג צו פיטערן זייערע פאמיליעס און טרעפן זיך אפטמאל מיט די אוממעגליכע אויסוואל פון אויב זיי זאלן נוצן זייער געלט פאר עסנווארג, האוזינג, אדער יוטיליטיס. פארנט פון די אלע שוועריקייטן, וועט ניו יארק ווייטער פירן די קאמף קעגן הונגער. מיין פריאריטעט, אלץ טשעירמאן פון די סענאט אגריקולטוראלע קאמיטי, איז צו פארזיכערן אז די עסנווארג וועלכע וואקסן ביי אונזערע פעלד-ארבעטער זאלן דערגרייכן די פאמיליעס איבער די סטעיט וועלכע מוטשענען זיך מיט עסנווארג אומזיכערהייט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר'ן ארויפברענגען די באקענשאפט פון הונגער און די וויכטיגע סטעיט פראגראמען וועלכע ארבעטן נאכאנאנד צו שטארקן עסנווארג צוטריט און אויסארבעטן עסנווארג הילפסמיטלען."

**אסעמבלימיטגלידערין דאנא לופארדא האט געזאגט,** "די לעגיסלאטור מיט די שטיצע פון גאווערנער האקול, האט אוועקגעשטעלט אלץ געזעץ די ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי צו אנטוויקלען אינהאלטסרייכע און אויסגעארבעטע עסנווארג פאליסיס פאר די סטעיט. מיט איבערגעגעבענע הילפסמיטלען פון די סטעיט בודזשעט, ווערן קריטיש וויכטיגע באציאונגען געמאכט צווישן פרישע און לאקאלע-פראדוצירטע עסנווארג, מיט די ניו יארקער וועלכע דארפן עס דאס מערסטע.

די פארגעשריטענע פראגראמען זענען יעצט נאכמער נויטיג ווי אלעמאל, וויבאלד עסנווארג אומזיכערהייט האט אנגעכאפט אלע טיילן פון אונזער סטעיט. אונזערע פעלד-ארבעטער שטייען גרייט צו שפילן א ראלע מיט אדרעסירן הונגער, און אינעם זעלבן צייט אויך געניסן פון צוטריט צו נייע מארקעטס פאר זייערע פראדוקטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן